**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/27/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול באלייכט ניו יארק'ס גרויסע סטרוקטורן צו אפצייכענען אינטערנאציאנאלע האלאקאסט אנדענק טאג

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז ניו יארק סטעיט וויכטיגע געביידעס און סטרוקטורן וועלן באלאכטן ווערן אין געל היינט נאכט, יאנואר 27, אפצוצייכענען דעם אינטערנאציאנאלן האלאקאסט אנדענק טאג.דער אינטערנאציאנאלער האלאקאסט אנדענק טאג ווערט אפגעהאלטן אויף דעם טאג פון די באפרייאונג פון אוישוויץ-בירקענאו צו געדענקען די קרבנות פון די האלאקאסט וואס האט רעזולטירט אין די מארד פון א דריטל פון די אידישע פאלק און מיליאנען מיטגלידער פון אנדערע באזייטיגטע גרופעס.

"אויף דעם ערנסטן טאג, שטייען ניו יארקער אין סאלידאריטעט מיט די אידישע קהילה צו געדענקען די מיליאנען לעבנס וועלכע זענען פארלוירן געווארן דורכאויס די האלאקאסט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר וועלן שטענדיג באעהרן די אנדענק פון די וועלכע זענען געהרג'עט אין דעם זעלבן צייט ווערן מיר פארשפרעכן צו ברענגען אן ענדע צו אנטי-סעמיטיזם און צו אלע פארעמען פון האס אין אונזער סטעיט. מיר קומען זיך דאס פאר די קרבנות, איבערלעבער און זייערע פאמיליעס."

די סטרוקטורן וועלכע וועלן באלאכטן ווערן צו אפצייכענען אינטערנאציאנאלע האלאקאסט אנדענק טאג רעכענען אריין:

- וואן ווארלד טרעיד צענטער
- גאווערנאר מאריאו מ. קאומאו בריק
- קאַסיאָסקאָו בריק
- די ה. קארל מעקאל SUNY געביידע
- סטעיט עדזשוקעישען געביידע
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע
- עמפייער סטעיט פלאזא
- סטעיט פעירגראונדס - הויפט ארייננאנג טויער און עקספא צענטער
- ניאגארא וואסערפאלן
- דער "פראנקלין ד. רוזוועלט" מיד-האדסאן בריק
- גרענד צענטראל טערמינאל - פערשינג סקווער וויאדאַקט
- אלבאני אינטערנאציאנאלע לופטפעלד אריינגאנג
- MTA LIRR - מזרח זייט טויער ביי פען סטאנציע
- פעירפּאָרט ליפט בריק העכער די ערי קאנאל
- מויניהאן באן האל

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418